# דאָס ייִדישע וואָרט



Itay Zutra the I.L. Peretz Folk School Yiddish Teaching Fellow, University Of Manitoba.

## וועגן די אמתע דזשיגאַן און שומאַכער אין אַ נײַ בוך

די נעמען פֿון שמעון דזשיגאַן (1980-1905) און ישׂראל שומאַכער (1961-1908) זײַנען מסתּמא ביז הײַנט די סאַמע באַקאַנטסטע נעמען פֿון ייִדישע אַקטיאָרן, קאָמעדיאַנטן, און שוישפּילערס. אויף דער ייִדישער בינע און אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט, ווּ ייִדיש רעדנדיקע ייִדן האָבן געלעבט זײַנען זיי געווען מער פּאָפּולער ווי להבֿדיל, לאָרל און האַרדי אָדער טשאַרלי טשאַפּלין. ייִדן האָבן פֿאַר און נאָך דער מלחמה, אין פּוילן, רוסלאַנד, מדינת ישׂראל, דרום אַמעריקע און די פֿאַרייניקטע שטאַטן זיי געהאַלטן ווי קולטורעלע העלדן, אַ סימבאָל פֿאַר דער אַמאָליקער ייִדישער וועלט, און אמתע גוטע נשמה אַקטיאָרן. זייערע פּיעסעס, פֿילמען, און טאַשמעס האָט מען געכאַפּט ווי הייסע לאָקשן. נישט איין מאָל האָבן מיר אַלטע ישׂראלים געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן ווי אַזוי זײַנען זיי געגאַנגען זען די אַקטיאָרן מיט זייערע זיידע באָבע, עלטערן, אָדער ווײַטע קרובֿים. זיי, די העברעיִסטישע סאַברעס האָבן נישט געקענט קיין שום ייִדיש אָבער דער ניגון פֿון דער פּוילישער ייִדיש לשון האָט זיי געבראַכט אַ שמייכל אָדער כאָטש אַ ביסל נחת. מען קען ביז הײַנט זען די השפּעה פֿון זייער הומאָר אויף דער ישׂראלדיקער שפּראַך, טעאַטער, הומאָר, און לעבנס שטייגער. פֿון דער צווייטער זײַט, קען מען אויך זאָגן אַז דזשיגאַן און שומאַכער, ווי אַנדערע ייִדישע אַקטיאָרן האָלט מען ווי פּרימיטיווע עקזעמפּלאַרן פֿון וווּלגאַרישן ייִדישן הומאָר וואָס פּאַסט פֿאַר דער פּראָסטער עולם און נישט פֿאַר חשובֿע אינטעלעקטועלן. שעקספּיר קענען זיי נישט שפּילן אָבער וויצן, אַנעקדאָטן, פּורים שפּילן קענען זיי אַוודאי שפּילן אויף מאַמע לשון. זיי שטייען אויף דער בינע און מע לאַכט מיט טרערן. ייִדיש איז אַ מיאוסער פֿעטער מיט פֿאַלשע ציין, אַ פֿליכעלע און אַ בויך וואָס רעדט טערקיש.

דיעגאָ ראָטמאַן, אַ יונגער פֿאָרשער אין דעם ייִדישן אָפּטייל אין דער העברעיִשער אוניווערסיטעט אין ירושלים און אַליין אַ שטיקל אַקטיאָר האָט לעצטנס געשריבן אַ וווּנדערלעך בוך וועגן דזשיגאַן און שומאַכער וואָס פּרוּווט אונדז דערציילן אַן אַנדער מין מעשׂה. "פּערפֿאָרמענס, ווי אַ קולטור־קריטיק: דער טעאַטער־פּראָיעקט פֿון דזשיגאַן און שומאַכער 1927—1980" דערציילט די לאַנג יעריקע געשיכטע פֿון די אַקטיאָרן פֿון די ערשטע יאָרן אין לאָדזש, די מלחמה יאָרן אין רוסלאַנד, און בײַם סוף אין מדינת ישׂראל. שטענדיק האָבן זיי געשפּילט אויף ייִדיש און זייער ביאָגראַפֿיע איז די ביאָגראַפֿיע פֿון ייִדיש. שמעון דזשיגאַן און ישׂראל שומאַכער זײַנען געבוירן געוואָרן אין לאָדזש וואָס איז דעמאָלט געווען דער צענטער פֿון דער ייִדישער טעקסטיל אינדוסטריע אין פּוילן. שומאַכער איז געקומען פֿון אַ טראַדיציאָנעלער און געבילדעטער משפּחה ווען דזשיגאַן פֿון אַן אָרעמער פּראָלעטאַרישער. אין זייערע פּיעסעס שפּילט שומאַכער דער אינטעלעקטועלער תּלמיד חכם און דזשיגאַן דער האַרציקער עם הארץ. ביידע, און דאָס איז נישט געווען אַזוי פּאָפּולער אין די דאָזיקע יאָרן, האָבן גענוצט די פֿאַרשידענע דיאַלעקטן פֿון לאָדזשער ייִדן. אויב די ליטוואַקעס קענען נישט פֿאַרשטיין איז נישט אונדזער באָבעס דאגה. אָבער ראָטמאַן באַווײַזט אַז די פּראָסטע בדחנים וואָס חוזק געמאַכט די ייִדישע געזעלשאַפֿט האָבן נישט אָנגעהויבן זייער אַרטיסטישע קאַריערע ווי פּורים שפּילערס. פֿאַרקערט. צוזאַמען מיט דעם אַוואַנגאַרדיסטישן פּאָעט משה בראָדערזאָן האָבן זיי געוואָלט שפּילן ערנסטער טעאַטער אינעם סטיל פֿון מאָדערניזם. די זאַך איז אַז זייער גיך האָבן זיי פֿאַרשטאַנען אַז אַ ייִד קען נישט פּרנסה האָבן פֿון אַזאַ מין מסחר און אויך דער רעגירונג דערלאָזט נישט. מע טאָר נישט חוזק מאַכן פֿון די פּוילישע אַנטיסעמיטן. דזשיגאַן און שומאַכער האָבן שטענדיק געהאַט וואָרצלען אין דעם מאָדערניזם אָבער מיט אַן אָפֿן האַרץ צו דעם ייִדישן פֿאָלק. צווישן די ביידע וועלט מלחמות האָבן זיי געשפּילט און געוווינט אין לאָדזש און וואַרשע און געווען אומעטום. זיי האָבן געשפּילט אויך אין פֿילמען און געוואָרן זייער באַקאַנט. די מלחמה יאָרן האָבן זיי פֿאַרבראַכט טיף אין רוסלאַנד שפּילנדיק פֿאַר ייִדן און נישט ייִדן ביז די רוסן האָבן זיי אַרעסטירט ווי שפּיאָנען. אין פּוילן נאָכן חורבן האָבן זיי געזען אַז זייערע ייִדן עקזיסטירן נישט און געוואָרן נע ונדניקעס. אָבער וווּהין זאָלן ייִדישע אַקטיאָרן גיין? אַ ייִדישע פֿרוי וואָס האָט זיי געקענט אין פּוילן איז מיט זיי געטראָפֿן אין אַרגענטינע. זאָגט זי זיי: "איר זײַט געווען זייער גוט אָבער איך האָב די אמתע דזשיגאַן און שומאַכער געקענט פֿאַר דער מלחמה". אין די נאָך מלחמדיקע יאָרן זײַנען די קאָמעדיאַנטן געווען נאָר אַ טרויעריקע מצבֿה פֿון זייער אַמאָליק לעבן.

אין ישׂראל האָבן דזשיגאַן און שומאַכער באַזעצט אין די פֿופֿציקער יאָרן. אָבער כאָטש די ייִדן האָבן זיי זייער ליב געהאַט ווי שטענדיק, האָט דער ציוניסטישער רעגירונג זיי געזען ווי אַ סכּנה. זיי האָבן געדאַרפֿט באַצאָלן באַזונדערע שטײַערן און זינגען העברעיִשע לידער צווישן זייערע קריטישע און קאָמישע שטיקלעך. שומאַכער איז געשטאָרבן יונג און דזשיגאַן האָט ממשיך געווען שפּילן אויף ייִדיש צו להכעיס און איז געוואָרן ביטער. ייִדיש אין ישׂראל איז געוואָרן אַ שפּאַס. דיעגאָ ראָטמאַן האָט גוט געפֿאָרשט די טעמע ווי אַן ערנסטער ייִדישיסט, היסטאָריקער, און טעאַטער פֿאָרשער. ער האָט דורכגעבלעטערט די פּרעסע אין פֿאַרשידענע שפּראַכן, די אַרכיוון, די אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון דזשיגאַנען (שומאַכער האָט קיינמאָל נישט געשריבן זײַנע זכרונות), און מער ווי אַלץ צוגעהערט צו די אַלטע רעקאָרדירונגען פֿון די קאָמעדיאַנטן. די בלעטערן פֿון זײַן בוך שפּילן די טרויעריקע אָבער די לאַכנדיקע געשיכטע פֿון ייִדיש. ישר כּוח!

איתי בנימין זוטרא

*This column is funded by the I.L. Peretz Folk School Endowment Trust at the Jewish Foundation Of Manitoba.*